Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

הײנט 22 זײטען (טאַבעלע פון דער מלוכה־לאָטעריע—זעה זײט 18) פרײז 30 גראָשען NAJER FOLKSBLAT

# נײער פאלקסבלאט

| № 121 | לאדז, פרײטאג, יא סיון תרצ״ד | צװעלפטער יאהרגאנג | Łódź, Piątek, 25 maja 1934 r. | № 121 |
|---|---|---|---|---|

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראַציע: לאדז, פעטריקאװער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

# דער פעראײניגטער יודישער װאהל=בלאק

פאדערט אױף אלע יודישע װעהלער פון 2־טען, 5־טען, 7־טען, 9־טען און 10־טען װאהל־קרײזען, אין נאמען פון יודישען אחדות, און נאמען פון קאמף פאר די יודישע אינטערעסען, נישט אפצוגעבען דעם 27־טען מאי די שטימען פאר די האפנונגסלאָזע ליסטעס, נאר שטימען אױסשליסליך פאר די ליסטעס און קאנדידאטען פון

# פעראײניגטען יודישען װאהל=בלאק

דער ערפאלג פון דער פערװירקליכונג פון די יודישע פאסטולאטען אין שטאָט־ראט איז אפהענגיג פון ערפאָלג פון אונזערע ליסטעס.

די ראַטמענער, װעלכע װעלען געװעהלט װערען פון אונזערע ליסטעס, װעלען אין קומענדיגען שטאָט־ראָט בילדען

## א זעלבסטשטענדיגע אונאפהענגיגע פראקציע.

## װעלכע װעט דינען די אינטערעסען פון דער יודישער בעפעלקערונג.

אונזערע קאנדידאטען זענען:

### אין צעהנטען װאהל־קרײזן:

1) יעקב לײב מינצבערג, סײם־דעפוטאט, פרעזעס פון דער לאָדזער יודישער קהלה, ביז־איצטיגער ראטמאן אין אלע לאָדזער שטאָט־ראטען.
2) סטאניסלאװ דאבראניצקי, אדװאקאט.
3) פישל ליבערמאן, פרעזעס פון לאָדזער קהלה־ראט, געװ. ראטמאן אין לאָדזער שטאָט־ראָט.
4) בנימין רוס, געװ. פרעזעס פון דער לאָדזער קהלה און איצטיגער פערװאלטונגס־מיטגליד, געװעזענער ראטמאן אין שטאָט־ראָט.
5) נתן מרול, אינזשיניער.
6) איגנאצי יאשונסקי, פרעזעס פון צענטראלען סוחרים־און פאבריקאנטען־פעראײן אין לאָדזער װאָיעװאָדזטװע.
7) פיאטר כארי, פרנס פון דער לאָדזער קהלה, ראטמאן אין דער לאָדזער אינדוסטריע און האנדעל קאמער, פרעזעס פון צענטר. קלײנהענדלער־פעראײן.
8) דוד העלמאן, דאקטאר.

### אין ביינטן װאהל־קרײזן:

1) יוסף װײצמאן, אדװאקאט, װיצע־פרעזעס פון לאָדזער קהלה־ראט, ג. ראטמאן פון לאָדזער שטאָט־ראט, פרעזעס פון דער לאָדזער האנדװערקער־עקספאזיטור.
2) מענדל מראכוצקי, געװ. ראטמאן און לאװניק אין לאָדזער מאגיסטראט.
3) אברהם אלחנן שטײנשנײדער, װיצע־פרעזעס פון צענטראלען סוחרים־פעראײן אין לאָדז.
5) יוסף מרגליות, פערװאלטונג־מיטגליד פון לאָדזער סוחרים־פעראײן.
5) מאיר זײדע, װ. פרעזעס פון יודישען לאנד־קענטשאפט־פעראײן
6) יעקב יהודא דעגענשטײן, װיצע־פרעזעס פון צענטראלען פאבריקאנטען־פעראײן.
7) מענדעל באלבערישסקי, מאגיסטער.

### אין זיבעטען װאהל־קרײזן:

1) מאיר שמעון רײכמאן, אדװאקאט.
2) לײבוש ראזענבערג, פרעזעס פון קלײנהענדלער־פערבאנד גדאנסקא 10.
3) יוזעף הירשבערג, פערװאלטונגס־מיטגליד פון צענטראלען סוחרים־ און פאבריקאנטען־פעראײן.
4) אברהם איזען, פרעזעס פון פלײש־אינדוסטריע און האנדעלס־פעראײנען אין לאָדז.

### אין פינפטען װאהל־קרײזן.

1) אברהם יהושע רעכטמאן, פרנס פון לאָדזער קהלה־ראט
2) הירש מיכאל עפשטײן, פרעזעס פון סוחרים־פעראײן אין ראיאָן פון גײערס מארק.
3) יאיר קאמפעל, װיצע־פרעזעס פון סוחרים־פעראײן אין ראיאן פון גײערס מארק.
4) זיגמונד גאזשדזיצקי, פערװ.־מיטגליד פון סוחרים־פעראײן

### אין צװײטען װאהל־קרײזן:

1) יאקוב ליבראך, האנדעלס־ריכטער, ראטמאן אין דער לאָדזער האנדעלס־קאמער.
2) אברהם מאיר קאפלאן, ג. ראטמאן פון לאָדזער שטאָטראט
3) ישראל מאיר הערשקאװיטש, פערװאלטונגס־מיטגליד פון שנײדער צעך.
4) יוזעף קראשינסקי, אינדוסטריעלער.

## די אײנציגע ליסטע פון נאַציאנאלען יודענטום איז די ליסטע פון פעראײניגטע ציוניסטישע בלאק

איהרע פערטרעטער פיהרען א װירדיגען קאמף פאר די נאציאנאלע, קולטורעלע און עקאנאמישע אינטערעסען פון דער יודישער בעפעלקערונג.

אונזערע קאנדידאטען פון די בעזונדערע װאהל־קרײזען זענען:

אין 9. װאהל־קרײז: ליסטע № 7 — ג. לאװניק א. יאעל, ד״ר ז. עלענבערג, מאג. י. זאבדער, משה קארא

אין 10־טען קרײז: ליסטע № 10 — ג. ראטמאן י. מ. ביאלער, דר ג. קרויש, פרױ דענט. מלכה רעזניק, ג. ראטמאן אינזש. פראשקיער

אין 7־טען קרײז: ליסטע № 7 — רעד. י. אוגער, משה לימאן, אינזש. פ. ליבדער

אין 5־טען קרײז: ליסטע № 10 — י. בערגער, מ. בראדעצקי, ח. גאלדהערש

אין 2־טען קרײז: ליסטע № 5 — ג. ראטמאן מ. פײן, ד״ר ש. בערלאס, די״ר. װ. סקורא

דאס בעװאוסטזיניגע נאציאנאלע יודענטום, סוחרים, האנדװערקער, קלײנהענדלער, ארבײטער און ארבײטענדע אינטעליגענץ שטימען פאר די אויסגעפרובטע פערטײדיגער פון װײטערע רעכט — פאר די קאנדידאטען פון דער ליסטע פון פעראײניגטע ציוניסטישע בלאק

## ציוניסטען און נאציאנאל=בעװאוסטזיניגע יודען פון 9־טען װאהל=קרײז

## שטימט אױף אגיטירט פאר דעם אײנציגען הערצל'יאנער ציוניסטישען קאנדידאט אין אײער קרײז מאיר זײדע

װעלכער פיגורירט אויף דער ליסטע פון אלגעמײנעם יודישען בלאק גיט אפ צעטלען מיט 10 אונטערשריפטען מאיר זײדע

## יודען, װעהלער פון 7־טען װאהל=קרײז שטימט אלע פאר'ן מוטיגען און עהרליכען כלל־טוער

אין שרײבען אויף דעם װאהל־צעטעל פון פעראײניגטע יודישע װאהל=בלאק 7 מאל זײן נאמען.

# אדװ. מאיר שמעון רײכמאן

# פעראייניגטער יודישער וואהל-בלאק, וואהל-קאמיטעט ביי אגודת ישראל אין לאדז

אלע רעליגיעזע יודען, חברים און סימפאטיקער פון אגודת ישראל, שטימען היינטיגען, זונטאג, ביי די וואהלען צום שטאט-ראט, פאר די קאנדידאטען פון אגודת ישראל, וועלכע פיגורירען אויף די ליסטעס פון „פעראייניגטען יודישען וואהל-בלאק" אין די בעזונדערע וואהל-קרייזען.

אונזערע קאנדידאטען זענען בעקאנט דעם פוילישען יודענטום בכלל, און דער לאדזער יודישער בעפעלקערונג בפרט מיט זייער מיהפולער, פאזיטיווער און ממשותדיגער טעטיגקייט פאר די יודישע פאלקס-מאסען.

אונזערע קאנדידאטען זענען:

אין צעהנטען וואהל-קרייז:

1) **יעקב לייב מינצבערג**

סיים-דעפוטאט, פרעזעס פון דער לאדזער קהלה-פערוואלטונג, ראטמאן אין אלע ביז-יעצטיגע שטאט-ראטען, העלדישער פערטיידיגער אין די פארלאמענטארישע אינסטאנצען פון די יודישע רעכט בכלל, און פאר די רעכט פון ארטאדאקסישען יודענטום בפרט.

2) **פישעל ליבערמאן**

פרעזעס פון לאדזער קהלה-ראט, פרעזעס פון אגודת ישראל אין לאדז, געוו. ראטמאן, בעקאנטער כלל-טוער.

אין ניינטען וואהל-קרייז:

1) **אלחנן שטיינשניידער**

גו.-פרעזעס פון צענטראלען כותּים- און סאבריקאנטען-פאראיין אין לאדז, פרעזעס פון „לינת הצדק".

2) **יוסף מרגליות**

פערוואלטונגס-מיטגליד פון צענטראלען סוחרים פאראיין און אין פיל אנדערע געזעלשאפטליכע קערפערשאפטען.

אין זיבעטען וואהל-קרייז:

**מאיר שמעון רייכמאן**

אדוואקאט, בעקאנטער טוער פאר דער ארטאדאקסישער יוגענד.

אין פינפטען וואהל-קרייז:

**אברהם יהושע רעכטמאן**

פרנס פון דער לאדזער קהלה, געריכטס-לאווניק, ארגאניזאטאר און אנפיהרער מיט די הילפס-אקציעס פאר יודישע חולאים און ארעסטאנטען.

אין צווייטען וואהל-קרייז:

**אברהם מאיר קאפלאן**

געוו. ראטמאן, פרעזעס פון באנק קופיעצקי קרעדיטאווי, מיטגליד אין דער דירעקציע פון לאדזער קרעדיט-געזעלשאפט.

## רעליגיעזע יודען!

אין נאמען פון גדולי וצדיקי הדור, די מנהיגי האגודה, וועלכע האבען יעצט ספעציעלע בריף דערוועגען געשריבען, פאדערען מיר פון אייך, אז איהר זאלט אלע געהן צו די וואהלען און שטימען פאר אונזערע קאנדידאטען. אויב איהר וואוינט אויף זומער-וואוינונג, מוזט איהר מיט אייערע וואהל-בערעכטיגטע פאמיליען-מיטגלידער קומען קיין לאדז, כדי צו ערפילען אייער הייליגען חוב אלס יוד און אגודיסט.

געדענקט! יעדע איינציגע שטים קאן דעצידירען וועגען א מאנדאט פאר אונזערע פארשטעהער.

## אלע צו די וואהלען פאר אונזערע קאנדידאטען!

אויב איהר האט נאך נישט אונזערע קיין וואהל-צעטעל, ווענדעט זיך צו אונזערע אגיטאטארען, וועלכע וועלען א גאנצען טאג אמטירען אין גאס פאר די וואהל-אבווארען אדער אין אונזערע אינפארמאציאנס-ביוראס.

**וואהל-קאמיטעט ביי אגודת ישראל**
**אין לאדז, לעגיאנאוו 10a.**

מארגען, שבת, 3 נאכמיטאג קומט פאר א גרויסע

**פרויען-וואהל-פערזאמלונג**

**אין לאקאל פון „בנות אגודת ישראל" פאלודניאווא 20.**

איינטריט פריי! איינטריט פריי!

---

## פעראייניגטער יודישער וואהל-בלאק צום לאדזער שטאט-ראט

**יודיש-אונפארטייאישער געזעלשאפטליך-ווירטשאפטליכער וואהל-קאמיטעט**
8 טראוגוטא 8, טעל. 180-19.

## בירגער יודען!

ערפילט אייער חוב דעם 27-טען מאי ד. י. און שטימט אויף די קאנדידאטען פון

**יודיש-אונפארטייאישען געזעלשאפטליך ווירטשאפטליכען וואהל-בלאק**

געדענקט, אז לויטן גרונד פון נייעם וואהל-רעגולאמין דיסקוואליפיצירט יעדער וועהלער מיט אזויפיל שטימען, וויפיל ראטמענער ס'וועלען געוועהלט אין בעטרעפענדען וואהל קרייז און דעריבער דארף מען אויף יעדען וואהל-צעטעל אויפשרייבען אזויפיל מאל דעם נאמען פון אונזער קאנדידאט, וויפיל ראטמענער עס וועהלט אויס דער בעטרעפענדער וואהל-קרייז —

**און דעריבער גיבען מיר אפ אין 10. קרייז אלע 12 שטימען פאר**

**ה' אדוואקאט**

# סטאניסלאוו דאבראניצקי

**און אין 2-טען קרייז אלע 5 שטימען פאר**

# ה' יאקוב ליבראך

האנדעלס-ריכטער

זאל דעם 27-טען מאי ד. י. נישט פעהלען היין איין שטים פון

בעוואוסטזיניגען יודישען בירגער! — בעווייזט, אז איהר האט

שוין גענוג דאס רעגירען און פארטיי-געשעפטן אין שטאט-אמט!

פאר דער ענטוויקלונג פון דער שטאט און פאר'ן וואויל פון אלע איהרע איינוואוינער, שטימט פאר די פארשטעהער פון די לאדזער יודישע ווירטשאפטליכע און אינטעלעקטועלע ספערען!

**דער אונפארטייאישער יודישער געזעלשאפט - ווירטשאפטליכער וואהל-קאמיטעט.**

---

## 8-טונג! לאדזער פליישער, שעכטער-הורטאווניקעס, קעלבער-שעכטער, גראשער און עופות-הענדלער!

די גאנצע פלייש בראנזשע אין לאדז שטימט זונטאג, ד. 27/5 1934 אויף די קאנדידאטען פון

**פעראייניגטען יודישען וואהל-בלאק**

אין 10-טען וואהל-קרייז גיט אפ אייערע שטימען פאר ה'

# איגנאצי יאשונסקי

פרעזעס פון צענטראלען סוחרים-פאראיין, פיעטריקאווער 10.

אין 9-טען וואהל-קרייז פאר ה'

# אדוו. יוסף ווייצמאן

און

# אברהם שטיינשניידער

אין 7-טען וואהל-קרייז פאר אונזער פארשטעהער ה'

# אברהם איזען

פרעזעס פון שעכטער הורטאווניקעס-פאראיין.

שטימט און אגיטירט פאר דער ליסטע פון פעראייניגטען יוד. וואהל-בלאק פאר דער ליסטע פון יוד. אחדות.

**דאס פרעזידיום פון וואהל-קאמיטעט**
פון דער לאדזער פליישער-ארגאניזאציע
24 פיעטריקאווער 24.

---

## פעראייניגטער יודישער וואל-בלאק

פיעטריקאווער 10

**וואל-קאמיטעט פון די לאדזער פליישער-ארגאניז. פעטריקאווער 24**

מוצאי שבת-קודש ד. 26/5 פינקטליך 9 א זייגער אין אווענד קומט פאר אין לאקאל פון פליישער-צעך, פיעטריקאווער 24

# א וואהל-מיטינג

**וועגען די וואהלען צום שטאט-ראט**

אויף וועלכער אלע מיטגלידער ווערען אויפגעפאדערט פינקטליך צו ערשיינען.

חברים קומט מאסענווייז! חברים קומט מאסענווייז!

די פערוואלטונגען פון:

פליישער און וואורשטענמאכער-צעך, פיעטריק. 24,
שעכטער-הורטאווניקעס-פעראיין, פאדזשעטשנע 10,
קעלבער-שעכטער-פעראיין, פאדזשעטשנע 10,
באלוטער קצבים-פעראיין, זגערזשער 84,
גראשער-הענדלער-פעראיין, זשידאווסקע 8,
פליישער-סעקציע ביים 2. קליינהענדלער-פעראיין,
קאלענבאך נר. 4.

# פּיניעלע מזיק
## ג'ים לשון



כ'זוג אַז כאָ שוין גישט קאַ קויעך פּין דער גאַנצער וואַל־גיטציע, כאָ שוין אַלין פּאַ־טיק. כ'אָב ראַגיבידירט ס'גאַנצע יאַטעגטום פּון גאַנץ באַליט. אונדזערע יאַטן עלן זיצן אין די אַבוואַרען און עלן ציילן די גלאַטעס. אין יעדן אַבוואַר ען זיצן אינדזערס אַ יאַטל און עט די ווילקער קוקען אַף די פינגער זיי זאָלן נישט מאַכן די מישיגינע קיבץ... אינדזער יאַט עט קנאַסן אַז א ווילקער מאַכט האַקוס באַקוס, עט ער באַלד געבן ציבן.

יעץ אָב איך ראַיבידירט אַ באַליטער מילץ (גע מיינט: מיליציע), יאַטלעך אייבער און אַיינע, וואָס קענע לייגן לאַטיס און אַז מ'ראַרף קענע זיי געבן אַ וויש איבערן ביטעל אַכעט.

אינדזערע מיליצים עלן אַ גאַנצן שאַפּיס קלעבן גאַפּישן פּון אינדזער באַליטער בלאָף צום שטאַטבאַר. אינדזירע יאַטן אָבן גיק־יגן פּין מיר סטוויקציעס ווי אַזוי צו קלעבן גאַפּישן. טאָמער עלן זיי זעיען אַ גאַפּיש פּון אַ ווילקער בלאָף, עלן זיי באַלד אַראָפּקלעבן אינדזער באַליטער גאַפּיש, און טאָמער עלן די ווילקער הויך קידיש מאַכן, עלן אינדזערע מיליצים קיפּן, אַז ס'עט גיין אַ רויש.

אַלע יאַטן פון שמולן געסל און פון גאַנץ באַליט מיזן זיך שטעלן זיגשין אין דער פריה אָפּן באַליטער שיל־הויף.

אַלע באַליטער יאַטן און יאַטיכעז שטיצן די קאַנדידאַטור פון פּיניעלע מזיק צום שטאָט־ראַר!

# פון גרינהעמדעל'דיגעז לאַגער

מען גיט איבער אַז די סיבה וואָז די ביע באַראָטאָווע פּאַרטייען האָבן זיך געשפּאָלטן איז, וואָס אייבע טענהט, אַז מען דאַרף אַלע יידען אויסהרגענען, און די צווייטע האַלט, אַז מע דאַרף בלויז אויסהאַקן די שויבען און דעמאָלירן די געשעפטן.

רעלעם.

# אַלץ פאַר 10 גראָשען

מען גאַס לויפט אַ ציטונגס־ינגל און שרייט: אַ באַהן־קאַטאַסטראָפע מיט הונדערט געהרגעטע און פאַרוואונדעטע, אַנאָנימע געגאַנגענע שיף מיט פּאַסאַזשירען, אַ שרפה מיט עטליכע פּע־ברענטע — אַלץ פאַר צעהן גראָשען.

רע'עס.

# אַ פינקטליכער מענש

— וואָס איילט איהר זיך אַזוי?

— מיין שעף איז געשטאָרבען, און איצט 12 פאַרמיטאָג איז די לוויה. איך טאָר נישט פאַרשפּעטיגען, ווייל מיין שעף האָט ליב פינקטליכקייט...

# דער קליינער דאַלפוס
## פליאַטקעס וועגען עסטרייכישען רייכסקאַנצלער

ווי מ'גיט איבער איז דער קליינער דאָלפוס לעצטענס שטאַרק אויס ע'ואַקסען; די סאָציאַליסטען האָבען איהם שוין איבער די אויערען.

* * *

פון וויען בעט מען אונז אויפמערקזאַם צו מאַכען אַז ס'איז נישט אמת די ידיעה, אַז דער קאַנצלער דאָלפוס זאָל האָבען פון זיין ווייבס ביוסטען־האַלטער זיך געמאַכט אַ האַמאַק. אמת איז, אַז ער פאַהרט שפּאַצירען אין אַ קינדער־וועגעלע.

# דאַטשע־עצות
### געגעבען פון אונזער „קונדס"־יוריסט

איך בין שטאַרק בעזוויזן, וואָס עצה'ט איהר מיך צו טון?

ענטפער:

שיקט אייער ווייב אויף דאַטשע.

איך האָב קאַלך ביים האַרץ זאַמר און שטיינער, איך דאַרף בזיטיג פאָהרען אויף א דאַטשע, הייסען מיך די ווירטסלייט אנשיטען די זעק.

וואָס טוט מען?

ענטפער:

מיט אַזאַ גלענצענד בוי־מאַטעריאַל וואָלט געווען אַ פּלאַן אַליין זיך צו בויען אַ ווילע.

מיין מאַן הייסט מיך יאָ פאָהרען און דער סובלאָקאַטאָר הייסט מיך נישט פאָהרען וועמען האָרכט מען.

ענטפער:

איהר דאַרפט נישט פאָהרען, איבער האָרכט מען דעם וואָס איז ליבער און בעהנטער.

איך בין זעהר פעט, וואָס זאָל איך טון, איך זאָל אָפּקומען?

— שיקט אייער ווייב אין באַד פארין, און איהר גייט אויף „ליטעראַרישע" פאַרלעזונגען.

ש. רעלעם.

# א וויגאַדנע דאַטשע
### רעקלאַמע אין אַ היגער ציימונג

צו פערדינגען אַ גוטע זומער־וואוינונג מיט אַלע וויגאָדעס, ווי וואַלד, פליאַושע, וואַסער — אַ ביסער שענק אויפ'ן אָרט.

# פּראַקטישער מענש

— ס'איז טאַקע אמת, אַז דו האָסט חתונה?

— יאָ, מיט דער פאַנע געניע.

— מיט וועלכער געניע? מיט די וואָס האָט בלויע אויגען און שעהנע חן־גריבעלעך?

— ניין, מיט די וואָס האָט אַ שעהנע ירושה.

# 2 זענען נאָך אויף דער פריי

זי ווייסען, איך האָב דריי זיהן זאָלען לעבען: איינער איז באָך אַ דירעקטאָר אין אַ באַנק, דער צווייטער איז באָך אַ פּילאָנטאַ־אַ און דער דריטער זיצט שוין אויף דער מילשא.

# זיין גליק

— אייער ווייב רייכערט אַזוי פיל, און איהר זענט גאָרנישט דאַגעגען?

— וואָס רעדט איהר? דאָס איז פאַר מיין טובה.

— ?

— ווען זי רייכערט שווייגט זי דאָך.

רעלעם.

# פּערנומענע מענשען

אין דער פינאַנץ־קאַמער זענען אָנגעקומען פיל ביטעס פון פערשידענע בראַנזשען מען זאָל זיי בעפרייען פון די שטייערן אויפווייזענדיג, אַז זיי זענען גאַנצע טעג פערנומען מיט שטעהען אין די רייהען נבחים צאָהלען די שטייערן, און האָבען פשוט נישט קיין צייט מיט עפּעס זיך צו פערנעהמען.

רעלעם.

# גאָלד און זילבער

אַ בעקאַנטער פּאָליטיקער האָט זיך אויסגעדריקט אַז יידען האָבען אין פּוילען אַ „גילדען" לאַנד און מיר מיינען אַז ס'איז מעהר זילבער ווי גאָלד, ווייל וועלכער יידישער סוחר בעקומט נישט פון די סעקוועסטראַטאָרען זילבערנע האָר?...

# וואָס הערט זיך?

— וואָס שרייבט איהר דאָ?

— אַ בריף צו מיין שוואָגער קיין אַמעריקאַ.

— ווע'ען וואָס שרייבט איהר איהם?

— ער זאָל מיר שרייבען וואָס עס הערט זיך ביי אונז אין פּוילען...

רעלעם.

# שבת הגדול און קורצער פרייטאָג



קורצער פרייטאָג: נו, פאַניע שבת הגדול, פאַר וועמען ווען איהר שטימען?

שבת הגדול: איך בעפרידיג אַלע: איך שטים פאַרן אַרון. ווייצמאַנען, מיין ווייב — פאַרן מאַגיסטער באַלבערישסקי, מיינע טעכטער פאַר מלכת רעזניק, און די זיהן שטימען אייבער פאַר „בונד" און דער אַנדערער פאַר די פּועלי ציון — און פאַר וועמען שטימט אייער בני־הבית?

קורצער פרייטאָג: איך שטים פאַר מיין ווירט, (ער שענקט מיר פאַר אַ קוואַרטעל דירה־געלד). מיין ווייב שטימט... פאַרן סובלאָקאַטאָר און מיינע טעכטער שטימען... פאַר אַ ניקס לעמשל.

---

# דער קונדס

הומאָר • סאַטירע •

• צוזאַמענגעשטעלט פון אַב—נעק

ביילאַגע צום „נייעם פאָלקסבלאַט" נומער 121
פרייטאָג, דעם 25 מאַי 1934

# א פערפלייצונג אין לאָדז



וועט זיין דעם היינטיגען שבת נאָך דעם מבול פון וואַסערדיגע וואַהל־דרשות.

